בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת נשא** חו"ל - **בהעלותך** א"י - **תש"פ** **גליון 554 [שנה י"ב]**

## לפרשת נשא

### חילוק הלשון ביי די נשיאים

וַיְהִי הַמַּקְרִיב בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן אֶת קָרְבָּנוֹ נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב לְמַטֵּה יְהוּדָה: בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי הִקְרִיב נְתַנְאֵל בֶּן צוּעָר נְשִׂיא יִשָּׂשכָר: בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי נָשִׂיא לִבְנֵי זְבוּלֻן אֱלִיאָב בֶּן חֵלֹן: (ז י"ב–כט) דער אור החיים הק' פרעגט פארוואס שטייט ניׁשט נשיא ביי יהודה? וז"ל למטה יהודה: ולא אמר נשיא ככל האמור בכל המטות? לומר כי ראוי הוא נחשון להקריב ראשון חגם שלא היה נשיא ומעלתו מצד עצמו מה שאין כן בכל שאר הנשיאים כי מעלתם היא לצד היותם נשיאי השבט לבד. ווייטער פרעגט דער אוה"ח הק' פארוואס ביי יששכר שטייט פריערט דער נאמען נְתַנְאֵל בֶּן צוּעָר און נאכדעם נְשִׂיא יִשָּׂשכָר, און ביי די אלע אנדערע שטייט פריערט נשיא און נאכדעם זייער נאמען? וז"ל נשיא יששכר, הקדים הזכרת שמו לזכרון הנשיאות לעשות לו גדר המעלה גם בלא חשיבות הנשיאות מה שאין כן כל שאר הנשיאים שהקדים זכרון הנשיאות לשמם ובשמו הזכיר זכרון התורה עכ"ל. דאס מיינט אז יהודה האט געהאט זיין חשיבות אלץ יהודה דעריבער שטייט נישט נשיא ביי אים, און יששכר האט געהאט זיין חשיבות אלץ תורה דעריבער שטייט זיין נאמען פאר נשיא משא"כ די אנדערע נשיאים איז געווען זייער חשיבות נאר אלץ נשיא דעריבער שטייט נשיא פאר זייער נאמען. אין ספר אזור אליהו (הגאון ר' אליהו הארשאווסקי אב"ד דרוהביטש) פרעגט די זעלבע קשיות – א חידוש אז ער ברענגט נישט אז די אוה"ח הק' פרעגט דאס אויך– און ער גייט מיט א אנדע מהלך: די גמ' (ברכות דף ל"ד ע"ב) שרייבט לגבי זיך בוקן אין שמו"ע: כהן גדול תחלת כל ברכה וברכה המלך כיון שכרע שוב אינו זוקף. מען זעהט אז א קעניג דארף זיין געבויגן די גאנצע שמו"ע, און די טעם איז ווייל דער וואס איז מער גרעסער במדריגה דארף זיין שטארק מיט הכנעה דעריבער דארף א קעניג ווייזן מער הכנעה, וועגן דעם יהודה זענען געווען מלכים דארפן זיי ווייזן שטארק הכנעה דעריבער שטייט נישט דערמאנט ביי זיי נשיא, נאכדעם ביי יששכר וואס האבן געהאט אויך די גרויסקייט פון תורה, דארפן זיי אויך האבן הכנעה דעריבער שטייט נשיא נאך זייער נאמען אבער די אנדערע נשיאים האבן נישט געדארפט ווייזן אזא הכנעה, שטייט נשיא פאר זייער נאמען ודו"ק. (ע"י המו"ל תש"פ)

**שיינע ידיעה** **פארוואס ליינט מען פרשת נשא אלעמאל נאך שבועות**

מען קען זאגן א שיינע ביאור אין דעם, ווייל די גמ' זאגט (מגילה ל"א ב) אז מען ליינט די פרשה פון תוכחה אין בחקתי פאר שבועות, ווייל תכלה שנה וקללותיה, אז דער יאר זאל זיך ענדיגן די קללות, ממילא נאך שבועות ליינט מען ברכת כהנים פון פ' נשא, וועגן תחל שנה וברכותיה, דער יאר זאל זיך אנפאנגען מיט ברכות, דאס זעלבע איז פאר ראש השנה, ליינט מען די תוכחה פון פ' כי תבא אלץ תכלה שנה וקללותיה, און ר"ה ציהט זיך ביז שמיני עצרת אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הק' (תרומה קמ"ב א) דער גזר הדין איז אין שמיני עצרת, און טאקע וועגן דעם ליינט מען אויף מארגען די פ' פון וזאת הברכה וועגן תחל שנה וברכותיה. (ארץ צבי הגה"צ אב"ד קאזיגלאב)

## לפרשת בהעלותך

### משה האט געהאט א העכערע סארט נבואה פון אלע נביאים

וַתְּדַבֵּר מִרְיָם וְאַהֲרֹן בְּמֹשֶׁה.. וַיֹּאמְרוּ הֲרַק אַךְ בְּמֹשֶׁה דִּבֶּר ה' הֲלֹא גַּם בָּנוּ דִבֵּר וַיִּשְׁמַע ה'..לֹא כֵן עַבְדִּי מֹשֶׁה בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא.. פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ: (י"ב א–ח) צו פארשטיין פארוואס האבן מִרְיָם וְאַהֲרֹן געהאט א טענה צו מֹשֶׁה? און אויך וואס איז געווען די תשובה פון אויבערשטן פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ וואס דורכדעם זענען זי געווארן בארוהיגט? נאר חז"ל זאגן אז א נבואה וואס דער אויבערשטער זאגט פאר א נביא, הערן דאס די אנדערע נביאים אויך, כדי דער נביא זאל נישט איינהאלטן פאר זיך די נבואה. דעריבער האבן מִרְיָם און אַהֲרֹן געהאלטן אז דאס וואס משה רבינו האט פורש געווען פון זיין ווייב, האט דאס משה געטאן פון זיין אייגענעם דעת, און א ראי' איז, ווייל אויב עס וואלט געווען א נבואה פון אויבערשטן וואלטן זיי דאס אויך געדארפט הערן! האט דער אובערשטער זיי געזאגט: לֹא כֵן עַבְדִּי מֹשֶׁה: ביי משה איז די נבואה אנדערשט פון אייך, פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ, נאר צו אים איז די נבואה, ממילא הערן נישט די אנדערע נביאים, זענען זיי געווארן בארוהיגט. (צמח דוד –ר' שבתי שאלוניקי) מען קען צושטעלן דאס וואס עס שטייט וּבְבֹא מֹשֶׁה אֶל אֹהֶל מוֹעֵד לְדַבֵּר אִתּוֹ וַיִּשְׁמַע אֶת הַקּוֹל מִדַּבֵּר אֵלָיו מֵעַל הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל אֲרֹן הָעֵדֻת מִבֵּין שְׁנֵי הַכְּרֻבִים וַיְדַבֵּר אֵלָיו. (במדבר ז פט) זאגט רש"י "וַיִּשְׁמַע אֶת הַקּוֹל" – יכול קול נמוך? ת"ל אֶת הַקּוֹל הוא הַקּוֹל שנדבר עמו בסיני, וכשמגיע לְפֶתַח היה נפסק, זעהט מען אז משה רבינו האט געהאט דעם כח אז נאר ער זאל הערן די רייד פון אויבערשטן אפילו א קול חזק. אגב, צדיקים האבן געזאגט אז זיי זאגן תורה און יעדער הערט וואס איז נוגע פאר אים, דאס מיינט עס איז א בחינה פון נבואה, וואס דער צדיק רעדט נאר צו יענע מענטש און אנדערע הערן דאס נישט. (שמח זבולון תש"פ)

### פ' נ"ד] א ווינקל אין הלכה – נוסח התפלה פון קבלת ביו"ט שחל בשבת

הקדמה: נאך א לאנגע הפסקה פון פ' שמות איז צוריק נתעורר געווארן וועגן נוסח התפלה, לרגל דעם מצב פון די מחלה, וואס אסאך מנינים זענען געווען אינדרויסן וואס האבן זיך דארט באטייליגט פון אלע קרייזן איז מיר אויסגעקומען צו זען אז עס זענען דא אסאך חילוקים ביי דעם נוסח פון קבלת שבת אנדערש פון דעם מנהג פון קארלין סטאלין וואס דאס איז דעם ערשטן מאל וואס איך האב געהערט די אנדערע נוסחאות, ממילא וועט מען פרובירן ברענגען מקורות צו די אלע נוסחאות.

מנהג קארלין סטאלין: ווען יו"ט פאלט אויס אין שבת אדער חול המועד זאגט מען ביי מנחה ידיד נפש, שביעי של פסח זאגט מען הודו ביי מנחה אפילו בחול, און ביי קבלת שבת זאגט מען נישט לְכוּ נְרַנְּנָה נאר מען פאנגט אן בֹּאוּ וְנֵצֵא לִקְרַאת כַּלָּה, מִזְמוֹר לְדָוִד, הָבוּ לַיְיָ בְּנֵי אֵלִים, און ביי לְכָה דוֹדִי היפערט מען גאנץ מִקְדַּשׁ מֶלֶךְ עִיר מְלוּכָה, און מען גייט צו לִבְשִׁי: לִקְרַאת שַׁבָּת לְכוּ וְנֵלְכָה, כִּי הִיא מְקוֹר הַבְּרָכָה, מֵרֹאשׁ מִקֶּדֶם נְסוּכָה, סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה. לְכָה דוֹדִי לִקְרַאת כַּלָּה, פְּנֵי שַׁבָּת נְקַבְּלָה. לִבְשִׁי בִּגְדֵי תִפְאַרְתֵּךְ עַמִּי, עַל יַד בֶּן יִשַׁי בֵּית הַלַּחְמִי, קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְּאָלָהּ. 1] ביי אנדערע זאגט מען נישט ידיד נפש ביי מנחה, 2] ביי לכה דודי איז דא עטליכע מנהגים ביי אנדערע זאגט מען נאר די ערשטע צוויי און בואי בשלום וצ"ע.

לגבי לכה דודי שטייט אין שערי תשובה (או"ח סי' ע"ר) פון ספר שלמי חגיגה דיני תפלת ליל שבת קדש בשם בית דוד (או"ח סימן רסד) דער טעם פארוואס מען זאגט נישט לכה דודי ביום טוב שחל בשבת ווייל עס זעהט אויס ווי מען פארשעמט דעם יו"ט ווען מען זאגט פְּנֵי שַׁבָּת נְקַבְּלָה. וואס איז משמע אז יו"ט איז מען נישט מקבל! זאגט די שערי תשובה אז עס איז נישט אמת ווייל שבת דארף נישט קידוש בי"ד און עס קומט אליין דעריבער דארף מען עס גיין מקבל זיין, אבער יו"ט איז מקודש דורך כלל ישראל דארף מען עס נישט גיין און מקבל זיין און יו"ט ווערט

נישט פאַרשעמט. פירט ער אויס אבער יו"כ זאגט מען נישט אפילו לכה דודי עיי"ש. ויש מקומות שאומרים בל המזמורי לכו נרננה ופיוט לכה דודי כמו בכל שבת ועיין בספר זכרון יהודא שכן היה מנהג הגה"ק בעל אמרי א"ש. (המשך יבא) (שמח זבולון תש"פ)

## מדור העובדות

## די קלוגשאפט פון הייליגן בית אהרן פון קארלין זיע"א ראטעוועט זיינע חסידים צוואנציג יאר שפעטער

לעבן שטאט קארלין איז דא א קליין שטעטל הארדאק, דעמאלטס זענען רוב פון די איינוואוינער געווען חסידים פון הרה"ק ר' אהרן פון קארלין זצוק"ל, דעם בית אהרן. עס האבן אויך געוואוינט עטליכע מתנגדים אין שטעטל און ווען דער אלטער שוחט, וואס איז געווען א חסיד, איז אוועק, האבן די מתנגדים שנעל באשטעלט א שוחט, פון די מתנגדים, אבער פונקט דעמאלטס איז דער בית אהרן אנגעקומען צו זיינע חסידים אין הארדאק און מען האט אים דערציילט וואס די מתנגדים האבן געטאן, האט ער געהייסן אז מען זאל נאר שטעלן א שוחט פון די חסידים. א מחלוקת האט אויסגעקאכט איבער דעם, אבער ווייל רוב שטעטל זענען חסידים פון בית אהרן האט מען אוועק געשטעלט א חסידישן שוחט און אוועק געשיקט דער שוחט א מתנגד. אין שטעטל איז געווען א גְּבַר אַלִּים, א שטארקע מענטש, פון די מתנגדים וואס איז אויך געווען פון די משכילים און ער האט געוואלט נוקם זיין אין רבין, איז ער אינמיטן טיש פון בית אהרן אריין געקומען און איז צוגעגאנגען צום רבין און אנגהויבן רעדן מיאוסע רייד און האט פארשעמט דעם בית אהרן, אבער דער רבי ענטפערט נישט.

פארשטייט זיך אז די חסידים וואלטן שוין געטאן עפעס צום משכיל און אים גוט צושלאגן זיך אנעמען פארן כבוד פון רבין, אבער דער רבי האט שטרענג אנגעזאגט אז קיינע האט נישט רשות אנצורירן דעם איד! און דער משכיל איז ארויס פון טיש רוהיגערהייט. דעמאלטס האט דער רבי זיך אנגערופן וואס ער האט געהערט בשם הרה"ק ר' ברוך ממעזיבוז זצוק"ל אויפן פסוק וואס דוד המלך האט געזאגט (תהלים מא יב) בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: -וואס פשוט פשט איז, ווי אזוי ווייס איך אז דער אויבערשטער איז באוויליגט אין מיינע מעשים? ווען איך האב נישט קיין שונאים, ווייל לֹא יָרִיעַ אֹיְבִי, מיינע פיינט טוען נישט קיין שלעכטס צו מיר, - אבער ר' ברוך'ל האט געטייטשט לֹא יָרִיעַ, איך זאל נישט טאן קיין שלעכטס, צו אֹיְבִי, מיינע שונאים, דעמאלטס יָדַעְתִּי כִּי חָפַצְתָּ בִּי, ווייס איך אז דער אויבערשטער איז צופרידן פון מיין ארבעט. דאס הייסט אז אפילו איך האב יא שונאים ע"כ.

די חסידים האבן פארשטאנען וואס דער רבי האט געזאגט, און די מעשה איז שטיל געווארן און אין שטעטל איז מען דורכגעקומען מיט די מתנגדים און געשטעלט א חסידישן שוחט ווי דער רצון פון רבין איז געווען און עס איז געווארן שלום ושלוה אין הארדאק. עס איז אריבער צוואנציג יאר פון די מעשה, ווען נישט ווייט פון הארדאק איז געווען דעם שטעטל טורעוו, און דעמאלטס איז געווע א שטיקל מלחמה פון רוסלאנד און פולין, און דער הויפט גענעראל פון די פולישע ארמיי מיטן נאמען רעגונסקי, האט זיך באהאלטן דעמאלטס אין טורעוו מיט זיינע פיהרער'ס און סאלדאטן, ביז עס וועט ווערן שטיל, אבער עטליכע מענטשן האבן איבערגעגעבן פארן קעניג אז עס געפינט זיך ביי זיי די הויפט גענעראל און די קעניג האט געשיקט זיינע קאזאקן און איינגעזעצט דעם גענעראל.

זיינע באהאלטענע סאלדאטן האבן געוואלט נוקם זיין אויפן שטאט וואס האבן געמסר'ט, און דאס חרוב מאכן, אבער די רוסישע ארמיי איז פונקט דארטן געקומען און אויסגעהארגעט אסאך פון די פולישע סאלדאטן. עס זענען געווען אפאר פולישע פיהרער'ס וואס האבן זיך גוט באהאלטן, און זיי האבן יעצט נקמה גענומען און געמאכט אסאך שריפות און דעם שטעטל האט זיך צוביסלאך פארברענט. קיינער האט נישט געקענט כאפן ווער צינד אן די הייזער, ביז מען האט געזען אז די האלצערנע שול אין שטעטל, האט זיך אנגעהויבן צו ברענען און מען איז גלייך געלאפן אין שול דאס צו ראטעווען, האט מען געזען צוויי מענטשן ארויסלויפן פון שול און מען האט זיי געכאפט און מען האט געזען אז זיי זענען אידן! מען האט זיי געברענגט קיין הארדאק צו די ראשי הקהלה וואס זענען געווען קארלינער חסידים און גבירים, ר' מרדכי און ר' שלמה ליב.

די אידן האבן מודה געווען אז זיי האבן אנגעצונדען די הייזער אבער זיי זענען געווען געצוואונגען מיט זייער לעבן דורך די הויפט פון די פולישע פיהרער'ס, און זיי האבן אויסגעזאגט די נעמען פון די פירער'ס און וואו זיי באהאלטן זיך. און געבעטן מען זאל זיי מוחל זיין. די צוויי ראשי הקהלה זענען גלייך געגאנגען צו די רוסישע רעגירונג און דערציילט וואו די פולישע סאלדאטן געפימען זיך, און זיי האבן געשיקט זייער גענעראל מיט סאלדאטן, גיין איינזעצען די פולישע פירער'ס, אבער די פולישע פירער'ס האבן געלייקענט שטיין אוןביין אז זיי האבן נישט געשיקט די אידן, און זיי האבן אונטערגעשמירט דעם שר זאל זאגן אז גאר די ראשי הקהילה פון הארדאק האבן געהייסן אנצינדן דעם שטעטל טורעוו, און דער שר האט געשריבן א ראפארט אז די ראשי הקהילה זענען שולדיג אין די פייער'ס און אז זיי האבן געמאכט א בילבול אויף די פולישע פיהרער'ס און מען האט איינגעזעצט די צוויי גבירים ר' מרדכי און ר' שלמה ליב אין שטאט מֶעזִיר.

עס האט געווארט פאר זיי א שווערע משפט און די חסידים זענען געזעצן אין תפיסה און מען האט זיך נישט קיין עצה געגעבן. דערווייל איז יענע משכיל וואס האט פארשעמט דעם בית אהרן מיט צוואנציג יאר צוריק, וואס ער האט געוואוינט אין הארדאק, און ער האט געוואוסט גאנץ גוט אז די ראשי הקהילה זענען טייערע מענטשן און אומשולדיג, האט ער מרצונו הטוב געמאכט די לאנגע נסיעה קיין פעטערבורג און זיך געטראפן מיטן צאר אלכסנדר דער צווייטער, און ווייל ער איז געווען א געלערנטער און געהאט א גוטן שפראך אין רוסיש, האט ער גערעדט גאר שיין און אויפגעוויזן אז די ראשי הקהלה זענען חשובע מענטשן און אומשולדיג און מען זאל זיי באפרייען. דער צאר האט איינגעזען אז די רייד פון משכיל זענען ריכטיג, און האט געשיקט א מעלדונג קיין מֶעזִיר אז מען זאל באפרייען די צוויי חסידים.

ווען דער הייליגער בית אהרן האט זיך דערוואוסט אז גאר יענע משכיל האט באפרייט זיינע חסידים האט ער זיך אנגערופן צו די חסידים: ווייל מען האט נישט געשלאגן יענעם משכיל פאר צוואנציג יאר צוריק, איז ער געווארן בארוהיגט און געהאט א רחמנות געפיל אויף די חסידים פון זיין שטאט, און געטאן א גוטע פעולה און באפרייט די ראשי הקהילה, אבער שטעל זיך פאר, ווען מען וואלט אים דעמאלט געשלאגן! דאס איז געווען א מוסר השכל פאר די חסידים.

(ספר המאורות הגדולים -ציילינגאלד)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה*

טור או"ח ווילנא תר"ם חתימות והגהות רבני טשענגער, עת לעשות ר' הילל קאלאמייא שמירה וסגולה, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש הגהות כת"י א חתימה הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ $800 ספר שו"ת חוט השני עם חתימת הגאון ר' יוסף מטעלז, ספר עדת יעקב מאדמו"ר מנאוואמינסק שייך להגאון ר' אברהם פאם עם הקדשת המחבר $200, תהלים סלאוויטא של הנ"ך מצב מפואר חסר שתי דפים שצולמו על נייר עתיק, א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מהגאון מראגאטשוב, מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען

**Until further notice call 718 4388414 or email at: seforim@gmail.com, to order or to pick up orders**

**מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש דער גליון איז מוקדש לעי"נ יארצייט פון מיין פלימעניק הבה"ה יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י"א סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב!**

**פרשת נשא** חו"ל - **בהעלותך** א"י - **תש"פ** הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"